Print Date: 11 January 2022. Source: Page 4,  Sulamith - שולמית, 17 January 1890 *** "Historical Jewish Press", The National Library of Israel and Tel Aviv University

# אידישע נייאינקייטען.

אין וויטעקבסק, (רוסלאנד) האט געטראפען א שרעקליכע קאטאסטראפע, די געשיכטע איז פאָרגעקר מען אויף דיזען ארט: די פרוי פון דעם רייכען קויפמאן און דעם ווארען אדעלמאן צבי הירש מאלקין איז וואַנזי־ניג געווארען; שבת דען 18טען דעצעמבער איז זי אויפ־געשטאנען פון שלאף פריהער פון אללעמען און איז אוועקגעגאנגען אין גאס, צעהן אוהר איז זי געקומען צו־ריק צו הויז און האט באפעהלען דער דינסט, דאסס זי זאלל ניט גרייטען דעם טיש, וויל זי וויל דאס זעלבסט טאן; ווי ר׳ צבי מאלקין איז געקומען פון שול האט זי איהם פארגעלייגט דאס ער זאלל זיך אויסוועהלען א טויט, נאר ר׳ צבי מאלקין האט זיך אויסגעלאכט און האט איהרע דומע רייד ניט גענומען אין געדאנק, לייי־דער אבער זיינען איהרע רייד געווען זייער ערנסט און האבען געבראכט שלעכטע פאלגע, געמליך: גלייך ווי דער הערר מאלקין האט זיך ניט קימערינדיג פון דער וואנזיניגער פרויס פוסטע רייד, אבגעגעסען דעם געשמאקען שבתדיגען ווארמעס, האט ער באלד געפיהלט אז ער איזט פערגיפטעט און אללע הילפס מיטלען פון די ארצטע, זועלכע מען האט געוועהנליך באלד געלא־דען האבען גאר ניכט געווירקט און מיט די שרעקליכסטע הערצענסליידע מאטערנעש האט אונזער עהרווירדיגער מאלקין גאטט זיין טהייערע זעעלע אבגעגעבען תנצב״ה די פרוי האט מען גלייך צוגענומען אין קראנקען הויז; מען זאגט צוואר אז זיינע ארבייטער, וועלכע ארבייטען ביי איהם אין זיין דרוקעריי האבען אויך איינטהייל גע־נומען אין זיין טאדט; נאר פארלייפיג ווייסט מען נאך גאר ניכט; די ווייטערדיגע אונטערזוכען וועט צייגען די ווארהייט.

